יודען, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT

היינט 8 זייטען — פרייז 15 גראשען

# נייער פאלקסבלאט

| № 33 | Łódź, Sroda, 7 lutego 1934 r. | צוועלפטער יאהרגאנג | לאדז, מיטוואך, כ"ב שבט תרצ"ד | № 33 |
|---|---|---|---|---|

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71


# בלוטיגע דעמאנסטראציעס אין פאריז

## שטורמישע זיצונג אין פארלאמענט. — צעהנדליגע דעמאנסטראציעס געגען דער רעגירונג. — 8 טויטע און 400 פערוואונדעטע. — די אונרוהען זענען נאך נישט איינגעשטילט

# רעציד[י]רענדע מאמענטען פאר פראנקרייך

פאריז, 6 (ספ. טעל.)

דער פרעמיער דאלאדיע האט היינט אפגעגעבען אנ'ערקלעהרונג אין פארלאמענט און אין סענאט. ער האט אנגעוויזען אויף דעם אנטאגאניזם וואס האט זיך צישפילט צווישען די פארטייען און וועלכער פאראליזירט די ארבייט פון פארלאמענט און דעמאראליזירט דאס לאנד. דער פרעמיער ערקלעהרט אויך, אז די איצטיגע רעגירונג איז פאר שאפען אנ'אויספארשונגס-קאמיסיע וועגען די אפערעס און ס'זאל צוריקגעשטעלט ווערען דער אויטאריטעט פון דער רעפובליק, אין דער בעזונדערס פארהערשט א כאאס, דער פארלאמענט מוז אבער וויטער פיהרען זיין ארבייט.

דער פרעמיער האט זיך ארויסגעזאגט פאר דער סטאבילקייט פון דער וואלוטא, קאמף מיט דער ארבייטסלאזיגקייט, די רעגירונג שטרעבט צו פארפעסטיגען דעם שלום און איז טריי דער פעלקער-ליגע.

בעת דער פרעמיער דאלאדיע האט בעלייענט די רעגירונגס-דעקלאראציעס האבען די רעכטע און צענטרום געמאכט פיינדליכע אויסרופען, די סאציאליסטען האבען איהם געמאכט אוואציעס. דער טומעל איז געווען אזוי גרויס, אז דאלאדיע האט נישט געקענט פארענדיגען לייענען די דעקלאראציע, דער פארלאמענט-פרעזידענט האט איבערגעריסען די זיצונג. ס'איז געקומען צו א געשלעג צווישען די דעפוטאטען.

דער פרעמיער דאלאדיע ערקלעהרט, נאכ'ן בעגיין די זיצונג, אז די רעגירונג איז גרייט אויסצופיהרען די אינטערפעלאציעס וועגען דער אלגעמיינער פאליטיק פון דער רעגירונג. ס'ווערט ווידער א טומעל, די דעפוטאטען רעדען איינער נאכ'ן אנדערען אבער קיינער הערט נישט, די קאמוניסטען זינגען דעם אינטערנאציאנאל, די רעכטע זינגען די מארסעליעזע, די דעפוטאטען זידלען זיך.

צום סוף שטעלט דאלאדיע א פארשלאג וועגען צוטרוי פאר דער רעגירונג, דער פארשלאג ווערט אנגענומען מיט 302 שטימען געגען 204.

פאריז, 6 (ספ. טעל.)

אין אווענד האבען זיך אנגעהויבען מאניפעסטאציעס אין פארשידענע טיילען פון שטאט, די דעמאנסטראנטען האבען דעמאלירט געשעפטען. אונטערגעצונדען אויטאבוסען, מ'האט אטאקירט די פאליציי, וועלכע האט געשאסען אין המון.

11 אזייגער אין אווענד האבען זיך די דעמאנסטראציעס געגען דער רעגירונג נאך פארשארפט, אומעטום קומען פאר שרפות פון קיאסקען און אויטאבוסען, וועלכע ווערען אונטערגעצונדען דורך די רעכטע דעמאנסטראנטען, אין פארשידענע פונקטען פון שטאט שיסט מען.

די לאגע איז זעהר געשפאנט, מ'רעכענט זיך אויף דעצידירענדע געשעהענישען פאר פראנקרייך.

פאריז, 6 (ספ. טעל.)

בעת די דעמאנסטראציעס געגען דער רעגירונג זענען היינט דערשאסען געווארען 8 פערזאן, 400 מענשען זענען פערוואונדעט געווארען, צווישען זיי 90 פאליציאנטען, ס'איז אויך פערוואונדעט געווארען דער פאליציי-דירעקטאר מארשאן.

פאריז, 6 (ספ. טעל.) די פאליציי האט געפיהרט פערביסענע קאמפן מיט די דעמאנסטראציעס פון המון. די דעמאנסטראציעס זענען פארגעקומען אין פערשידענע טיילען פון שטאט. די רעגירונג האט געברענגט פון דער פראווינץ גרויסע פאליצייאון מיליטער-אפטיילונגען, ווייל מ'רעכענט זיך דערמיט, אז בעת דער היינטיגער זיצונג פון פארלאמענט וועלען זיך די דעמאנסטראציעס איבערחזר'ן. די ארבייטער-פערייניגען האבען ארויסגעלאזען אנ' אויפרוף אקעגענצושטעלן זיך די ראיאליסטישע גאסןדעמאנסטראציעס. אויך די קאמוניסטישע „הומאניטע" רופט אויך צו דעמאנסטראציעס נעגען די רעכטע און סאציאליסטען.

ס'האט זיך פערשפרייט א קלאנג, אז דער דימיסיאנירטער פאליציי-פרעפעקט פלאנט א מלוכהאטענטאט. ער האט זעהר פיל אנהענגער אין דער פאליציי און מ'האט מורא פאר א שטרייק פון פאליציאנטען.

---

# קול אנחה וצעקה, כי נפלה עטרת ראשנו!

אחרי מחלה כבדה וממושכה, גועה ונאספה אל עמיה, אמינו היקרה, זקנתנו חמותנו, אחותנו, גסתנו ודודתנו האשה החשובה והצנועה

# נ"ע רבקה

אשת המנוח בבימין זאב בן הרב הצדיק מדאבזשינסק זצ"ל

נכד הרב הצדיק ר' משה'ל'ע מאלאשין בעל המחבר „משפט צדק"

# טאוב

בשנת הששים ושמונה לחייה

ההלוי' למנוחת עולמים תהי', היום ביום ד' פרשת משפטים (כ"ב לחודש שבט תרצ"ד), בשעה 1 אחר הצהרים, ממעונה פיעטריקאווער 22.

השרויים בצער עמוק ובאבל קודר

## משפחתה המתאבלת.

